Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 10 | Łódź, Wtorek 12 stycznia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ד׳ שבט תרצ״ב | № 10 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פראנצויזען באשולדיגען די ענגלענדער אז זיי שטיצען די דייטשען געגען פראנקרייך

פאריז, 11 (ספ. טעל.) „האוואס" ברענגט א קורצען קאמוניקאט וועגען ברינינגס ערקלערונג, וואס מען האט איבערגעגעבען דעם ענגלישען אמבאסאדאר אין בערלין.

„אויב די דייטשען וועלען בלייבען ביי דער פאדערונג, צו שטרייכען אלע ענטשעדיגונגען, ערקלערט דער קאמוניקאט, וועט פראנקרייך מוזען רעכנען נאר אויף אייגענע כוחות".

דערמיט ווערט געגעבען אנ׳אנצוהערעניש, אז אויף דער לאזאנער קאנפערענץ, וועט פראנקרייך זיין אפגעזונדערט, אז זי וועט אפילו נישט קאנען רעכנען אויף ענגלאנדס הילף.

די היינטיגע פראנצויזישע פרעסע ווייזט אן, אז ברינינג וואלט זיך נישט געוואגט צוזאמענרופען דעם יאנג-פלאן, ווייל ער וואלט נישט געהאט די פארזיכערונג פון הילף מצד דער ענגלישער רעגירונג. די זעלבע צייטונגען ווייזן אן אויף מאקדאנאלדען, אז ער האט דאס אינספירירט ברינינגען.

## לאוואל איילט זיך צו רעקאנסטרואירען די רעגירונג

### טארדיע זאל ווערען קריגס-מיניסטער און לאוואל — אויסערן-מיניסטער

פאריז, 11 (ספ. טעל.) פרעמיער לאוואל איז ענערגיש צוגעטרעטען צו רעקאנסטרואירען זיין קאבינעט, נאכ׳ן טויט פון קריגס-מיניסטער און נאך דער דימיסיע פון אויסערן-מיניסטער בריאן.

לאוואל בעמיהט זיך צו געווינען די ראדיקאל-סאציאליסטען און זיי צו פערבעטען אנטיילצונעהמען אין דער רעגירונג.

צו דעם צוועק האט ער געבעטען דעפעשירט קיין ליאן און גערופען הערריאן, ער זאל קומען קיין פאריז אויף א בעראטונג.

הערריא האט געענטפערט, אז ער איז מסכים אונטערצוהאלטען וועגען אריינטריט פון די ראדיקאל-סאציאליסטען אין לאוואלס רעגירונג, נאר אנ׳ענטגילטיגע תשובה וועט ער געבען נאכדעם, ווי זיין פארטיי וועט אננעהמען וועגען דעם א פאזיטיווע שטעלונג.

לאוואל האט היינט אויך קאנפערירט מיט׳ן געוו. מיניסטער טארדיע, וועלכער זאל ווערען קריגס-מיניסטער און לאוואל זאל אויך איבערנעהמען דעם אמט פון אויסערן-מיניסטער אויפ׳ן ארט פון בריאן.

אין א געשפרעך מיט פרעסע-פארשטעהער, האט טארדיע ערקלערט, אז ער איז מסכים מיט דער לאוואלס שטעלונג בנוגע דייטשלאנד.

בריאנס דימיסיע איז נאך נישט פערעפנטליכט און נאך נישט אונטערגעשריבן, דאך האט דער אויסערן-מיניסטעריום בעשטעטיגט די פרעסע מודיע צו זיין, אז בריאן ציהט זיך צוריק פון דער פאליטיק, אויף א געוויסער צייט, צוליב זיין שלעכטען געזונד-צושטאנד.

די אונטערהאנדלונגען צו שאפען א נייע רעגירונג געהען צו שנעל, אזוי, אז דעם 14. יאנואר, וועט דער נייער קאבינעט זיך פארשטעלען אין פארלאמענט.

צו דער איילעניש האט געצוואונגען די ערקלערונג פון דייטשען קאנצלער ברינינג, וועלכער האט, ווי בעוואוסט, געזאגט, אז די דייטשען טרעטען ארויס מיט דער פאדערונג צו אנולירען די מלחמה-חובות. דער דאזיגער ענין פאדערט א קאנצענטרירונג פון די פאליטישע כוחות אין פראנקרייך. די פראנצויזישע פרעסע פאדערט, אז די פראנצויזען זאלען אויפסניי אקופירען דעם ריין-געביט.

מיט אויפריכטיקן טרויער דריקן מיר אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל דער

פאמיליע שלעזינגער

צוליבן טויט פון אינדזער נישט-פארגעסלעכן פריינד און פאר-וואלטונגס מיטגליד

אברהם שלעזינגער ז״ל

זאל אים די ערד גרינג זיין!

פרעזידיום פון דעם לאדזשער
גרינקלשטיפט פאריין פון „ללורא"

092

שטרענג כשר — בעקאנטמאכונג — שטרענג כשר

דערמיט מאכען מיר בעקאנט אונזערע געעהרטער קונדשאפט, אז אזוי ווי אונזער גוט-בעקאנטע פירמע האט זיך דורך איהר 10-יעהריגער עגזיסטענץ קונה-שם געווען ביי דער יודישער בעפעלקערונג מיט איהרע שטרענג-כשר׳ע

וואורשט-אויסארבייטונגען און גערויכערטע פליישען

וואס געפינט זיך אונטער דער השגחה פון ר׳ משה סטעמפקאווסקי, האבען מיר געפינען פאר נויטיג צוליב דער פערגרעסערונג פון דער געעהרטער קונדשאפט

צו עפענען היינט, דינסטאג, דעם 12-טען יאנואר 4 א זייגער נאכמיטאג די 7-טע פיליע אויף

9 צעגעלניאנא 9 (רוג ווסכאדניא)

מיר מאכען דערביי אויפמערקזאם די געעהרטע קונדען, אז אונזערע כשר׳ע וואורשט-געשעפטען געפינען זיך נור אויף פאלגענדע אדרעסען און לויט אכט דרויסען:

אונזער צענטראלע איז: קילינסקיעגא 60 טעל. 137-65, קאנטאר און עקספעדיציע פאלעינא 5

פיליעס: פיעטריקאווער 54, טעל. 137-66 : פאלודניאווא 9, טעל. 137-67 : בזשעזשינסקער 25, טעל. 184-77
פיעטריקאווער 114, " 207-79 : זגערזשער 2 (רוג יודישע), " 149-82 : און די נייע פיליע צעגעלניאנא 9

מיר עמפפעהלען זיך ווייטער דער געעהרטער קונדשאפט.
מיט אכטונג

קאאפעראטיווע וואורשטעז-פאבריק פון די 1-טע פעראייניגטע יודישע פליישער אין לאדז

Spółdzielcza Wytwórnia Wędlin Zjedn. Rzeźników Żyd. Sp. s ogr. odp. W Łodzi

הננו מברכים את נשיא הועד יו״ר מו״ה ר׳

שלמה פרידמאן נ״י

בברכת מז״ט אל חתיות בתו היקרה מית

פיליגה יוטא עם הח׳ משה שעניצקי

יתן ד׳ שיאו״ו מזלם כשמש בצהרים.

הועד של ת״ת אלעקסאנדראווסקי 13.

הננו מברכים את נשיא הועד מו״ה ר׳

מאיר צורקעוויטש נ״י

בברכת מז״ט אל חתונת בתו היקרה מית

חוה עם הח׳ דוד קארטאווסקי

ומזלם יאור כשמש.

הועד של ת״ת אלעקסאנדראווסקי 13.   792

מאשיי-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפיל און כוכארעם לויט מארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אינזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסן פון אונזער איבערא-ווארשעווער צוקערניע

ב. ווינבערג

38 פיעטריקאווער 38

טעל. 143-82

אנ׳ארט צו שלאפען

פאר 1 אדער 2 יונגעלייט

איז אפצוגעבען פון זאפאט. — צו ע פאהרען פיעטריקאווער 33, אויפ׳ן 2. הויף, פארטער

„שיר" זאל פילהארמאניע „שיר"

20 נארוטאוויטשא 20

מעטאל - האנדווערקער - צעך, 4 פאלודניאווא 4

היינט, דינסטאג, דעם 12-טען יאנואר, אווענד קומט פאר

גראנדיעזער קאנצערט

פון „שיר"-כאר

אונטער דער לייטונג פון פראפ. י. פליווישעס.

סאליסטען פרל. ס. הראפיונעק (סאפראן) און ה׳ ה. קארן (טענאר)

אין פראגראם: זולצער, שוּבערט, מענדעלסאן און אנדערע ווי אויך

יודישע פאלקס-לידער

ביים קלאוויר פרל. ל. לאקס — ביים קלאוויר פרל. ל. לאקס

בילעטען פון 75 גר. אן און פילהארם. קאסע

באמערקונג: די הכנסה איז בעשטימט פאר דער הילפס-קאסע ביים צעך.

„שיר" — „שיר"

